






# קונטרס
# מכתב תוכחה
## לרבני העדה החרדית בירושלים עיה"ק



אור הזוהר 489 ★ כסלו תשע"ד
חלק ד


האדמו"ר מהאלמין

מפעל הזוהר העולמי
בנשיאות כ"ק אדמו"ר מהאלמין שליט"א מחבר למעלה מאלף ספרים טל: 0527651911

גדולי הצדיקים אומרים ללמוד זוהר הקדוש



### שאלה ג׳

למה השכינה עדיין בגלות, ועדיין לא נבנה בית המקדש בימינו, הלא כולנו מתפללים ולירושלים עירך ברחמים תשוב, ויש לנו ברוך השם היום מיליוני בעלי תשובה המניחים תפילין, ושומרים שבת, אז מי מעכב?

### תשובה

בספר "ברית מטה משה" על הגדה של פסח בדף האחרון [נדפס לפני ד׳ מאות שנה] וזל"ק:

ועכשיו שאיתרע חזקתם [של השוחטים] **ראינו למפרע שדבר זה החריב את ביתינו אשר עדיין לא נבנה בימינו, והשכינה בגלות עדיין בעונינו.** וכאשר נמצא כמה קלקולים אשר אין להעלות על הספר כי קצר הירעה מלהשתרע, וכו׳. **ובפרט בשחיטת הכבשים מחמת צמרו קרוב הדבר לפשוע ולקלקל ומחמת שיש להם לשחוט הרבה אינו מדקדקים כל כך וממהרים לשחוט וקרוב לוודאי שמאכילין נבילות וטריפות כאשר נתברר**...ומי שיהי׳ מותמ׳ בדבר ולומר מה גבר בגוברין ומה יום מיומים ויקל בדבר הזה בוודאי מנהג אבותיהם בידם ששוטחים את דבריהם לאמר מי יתן לנו לאכול בשר ואל תקרי וישטחו אלא וישחטו שהיה נתחייבו שונאיהם של ישראל כליה על שבקשו לאכול בשר תאוה היינו בשר נחירה ואבותינו חטאו ואינם ואנחנו אם נעשה כמעשיהם לא טובים להיות נלכדים בעונם חס ושלום, ואוי לנו מיום הדין ואוי לנו מיום התוכחה: **ואין לנו פה לדבר ומי יוכל להגיד ולספר מה שעבר עלינו עד כה שגרמו לנו השוחטים כמה רעות ולא ידעו ששחטו לעצמם בסכין פגומה** כמו כן יהיה מיתתם בכלל נבילה וטרפה לכל הוא הקליפה רח"ל תשליך אותם, ומוכרח **להיות מגולגל בכלב** וכו׳ עיי"ש באריכות גדול.

☆ ☆ ☆

אעתיק לכתה"ר גביית עדות מעיר הבירה לונדון. הדפסתי הגביית בספר דעת תורה בלשון הקודש.

### גביית עדות בעיר הבירה לונדון

בס"ד, ליל ג׳ פרשת ויחי לחודש טבת תנש"א לפ"ק

א. מיר, ר׳ שלום יודא גראָס, ר׳ ישראל האָכהייזער און ר׳ ישראל פנחס שליט"א פעלדמאַן, זיינען געווען ביי הר"ר משה מאיר בריף שו"ב שליט"א, איבערצושמועסן וועגן די עניני שחיטה, די נייע געזעצן וואָס די רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן.

ב. לגבי הולכה והובאה אז מען מעג נאָר מאַכן איין הולכה והובאה, האָט ער געזאָגט אַז דער געזע איז בטל געוואָרן, און דאָס איז אַ געפערלעכער פּראָבלעם, אויב דאָס וואָלט געווען דורכגעגאַנגען, וואָלט מען נישט געטאָרט שעכטן!

ג. לגבי דעם גזירה פון די וורידין, אויב מען מעג שעכטן די וורידין? האָט ער געזאָגט אַז דאָס איז שוין אַן אַלטע זאַך פון 40 יאָר[טז], אַז מען מוז שעכטן די וורידין. עס איז דאָ כסדר אַן אינספּעקטאָר וואָס קוקט די זאַכן. 1. די געזונטהייט. 2. ריינקייט. 3. צי דער שוחט שעכט די וורידין. 3. אַ סאַך מאָל שטייט דער אינספּעקטאָר און קוקט אויף דעם שוחט, און בשעת דער אינספּעקטאָר קוקט, גיט ער מער אַכטונג צו שעכטן די וורידין, ווייל אויב נישט שרייט דער אינספּעקטאָר, אָבער דער אינספּעקטאָר שטייט נישט דאָרט אַ גאַנצע צייט. ער טוט דאָך אויך אַנדערע זאַכן, ממילא איז דער פּראָבלעם נאָר ווען דער אינספּעקטאָר איז דאָרט.

**שאלה ד:** האָסטו מער מורא פאַרן רב אָדער פאַרן אינספּעקטאָר?

**תשובה:** איך האָב פאַרביידע להבדיל מורא, דאָס מיינט ער שעכט אַנדערש סיי ווען דער רב איז דאָרט, סיי ווען דער אינספּעקטאָר איז דאָרט, אַזוי ווי ביי אַ דרייווינג טעסט. דאָס הייסט איך מאַך מער פּינקטלעך סיי ווען דער רב איז דאָרט, סיי ווען דער אינספּעקטאָר איז דאָרט.

**שאלה ה:** וויפיל פּראָצענט ווערט געשאָכטן די וורידין?

**תשובה:** בערך 60% ווערט געשאָכטן די וורידין!

**שאלה ו:** וויפיל פּראָצענט רירט מען אָן די מפרקת?

**תשובה:** בערך 20%!

**שאלה ז:** וויפיל פּראָצענט שעכט מען נישט די וורידין!

**תשובה:** בערך 20%!



**שאלה ח:** וויפיל פּראָצענט וועט זיין מער נגיעת מפרקת אויב דער אינספּעקטאָר וועט דאָרט שטיין די גאַנצע צייט?

**תשובה:** בערך 2% מער נגיעת מפרקת ווי ווען דער אינספּעקטאָר איז נישט דאָ.

**שאלה ט:** וואָס וועט זיין אויב דער אינספּעקטאָר וועט שטיין די גאַנצע צייט דאָרט?

**תשובה:** וועט מען אַכטונג געבן מען זאָל יאָ שעכטן די וורידין!

**שאלה י:** זענען דאָ אַנדערע שוחטים וואָס שעכטן ווייניקער מאָל דורך די וורידין?

**תשובה:** אַוודאי נישט יעדער שוחט איז דער זעלבער ווי דער אַנדערער שוחט!

**שאלה יא:** וואָס וועט זיין אויב אַ שוחט וועט נישט קענען אַלעמאָל שעכטן די וורידין?

איר זענט טאַקע אַ מומחה, אָבער דער אַנדערער איז דאָך נישט אַזאַ מומחה ווי איר?

**תשובה:** וועט מען אים טאַקע מעביר זיין! און אויף דעם וועט דער אינספּעקטאָר אַכטונג געבן!

**שאלה יב:** איז עפּעס נתחדש געוואָרן יעצט?

**תשובה:** דער געזע פון שעכטן די וורידין איז שוין אַן אַלטער געזע איך האָב דאָ אַ קאָפּיע פון 76', וואו עס שטייט אַז אויב מען וועט נישט שעכטן די וורידין וועט מען צונעמען זיינע לייסענס, אָבער מען האָט נאָך גאָרנישט געטוהן, און מען וועט ווייטער גאָרנישט טוהן.

**שאלה יג:** אָבער לויט ווי איך האָב געהערט וועט מען דאָך מעביר זיין דעם שוחט אויב ער וועט נישט שעכטן די וורידין, און ער וועט דאַרפן צאָלן קנס, און זיצן דריי חדשים אין תפיסה?

**תשובה:** עס איז שקר! עס איז נישט פאַראַן אַזאַ זאַך. עס איז פונקט ווי אין די לעצטע 40 יאָר. מען וועט קיינעם נישט איינשפּאַרן, קיינער וועט נישט צאָלן קיין קנס. מען וועט נישט מעביר זיין.

**שאלה יד:** איר זענט מסכים צו שעכטן מיט אַ משגיח פון דעם אינספּעקטאָר?

**תשובה:** איך וויל דאָס אויך נישט! איך וואָלט אַוודאי צופרידן געווען מען זאָל דאָס מבטל זיין!

**שאלה טו:** עס וועט דאָך זיין אַ מכשול אויב די אַנדערע שוחטים קענען נישט מכוון זיין צו שעכטן די וורידין?

**תשובה:** מען וועט זיך מוזן אויסלערנען. אויב ער וועט נישט קענען וועט מען אים מעביר זיין.

וע"ז באעה"ח יום הנ"ל, שלום יודא גראָס...ישראל פנחס פעלדמאַן

**שאלה טז:** איך בין אַ שוחט, קענסטו מיר נישט פאַרקויפן קיין באַבע מעשיות. איך האַלט אַז עס וועט זיין מער נגיעת מפרקת ביז כאָטש 80%.

**תשובה:** ניין, העכסטנס 2% מער ווי נאָרמאַל.

**שאלה יז:** וויפיל חלפים האָט איר ביי דער שחיטה?

**תשובה:** 6 חלפים. יעדער שוחט (דאָס מיינט 3 שוחטים) ברענגט 2 חלפים.

**שאלה יח:** איר האָט אַ בודק סכינים?

**תשובה:** ניין, איינער שעכט, איינער איז בודק פנים און איינער איז בודק חוץ!

**שאלה יט:** אויב איר וועט האָבן נאָך מער נגיעת מפרקת, מיינט דאָס אַז איר וועט דאַרפן האָבן אַ סאַך מער חלפים?

**תשובה:** מיר האָבן דאָרט נאָך, מען וועט מאַכן נאָך!

**שאלה כ:** דאָס מיינט איר וועט אַרבעטן נאָך 2 שעה אַ טאָג אויף חלפים? פון וואו וועט איר נעמען חלפים אינמיטן די שחיטה?

**תשובה:** מען מאַכט נישט קיין חלפים ביי די שחיטה, מען ברענגט אל פּאַרטיג.

**שאלה כא:** אויב דו ביסט מודה אַז נישט אַלע וועלן קענען ווי דו, ווי קענסטו נעמען אַן אחריות? דאָס מיינט דאָך אַז אַנדערע וועלן מוזן שעכטן אין מפרקת, ווייל זיי קענען דאָך נישט ווי דו?

**תשובה:** מען וועט זיי אויסלערנען. מען לערנט זיך יעצט אויך, מען שעכט יעצט אויך ביז צום סוף.

נאום שלום יודא גראָס, ישראל פנחס פעלדמאַן

**שאלה כב:** ביזט דאָך מודה אַז מען שעכט ביזן סוף, דאָס מיינט דאָך ביזן מפרקת?

**תשובה:** ניין, איך מיין פאַרן מפרקת, נאָר אין פלייש אַריין.

**שאלה כג:** ווי קען מען מכוון זיין אַז עס זאָל גיין אין פלייש און נישט אין מפרקת?

**תשובה:** מען קען, מען לערנט זיך, מען שעכט שוין לאַנג אַזוי.

**שאלה כד:** אָבער אַנדערע קענען דאָך נישט מכוון זיין אַזוי ווי איר?

**תשובה:** אַנדערע שעכטן שוין אויך די וורידין אום אָנגעריהרט די מפרקת.

**שאלה כה:** וואָס דאַרפסטו זיין אַ מכשיל הרבים און מסכים זיין אויף אַזעלכע זאַכן וואָס נישט יעדער וועט קענען מיטהאַלטן, און אויטאָמאַטיש געצוואונגענערהייט נישט צו פאַרלירן די פרנסה וועלן זיי מוזן שעכטן אין מפרקת? עס וועט דאָך פגום ווערן דער חליף?

**תשובה:** אויב מען וועט אָנרירן די מפרקת וועט מען טריפה מאַכן. מען מאַכט יעדן טאָג טריפה אַזוי אויך, און אַ סאַך מאָל דערשעכט מען נישט די סימנים, און ווען די גויים האַלטן נישט גוט קומען פאָר גרויסע שאלות. עס ווערן טריפה בהמות, עס ווענדט זיך וועלכע גויים עס האַלטן, גוטע אָדער שלעכטע.

**שאלה כו:** ווי קענסטו נעמען אויף דיר די אחריות פאַר גאַנץ לאָנדאָן און אייראָפּע, ווי דו ווייסט אַליין אַז עס איז אַ פּראָבלעם ביי אַנדערע שוחטים!

**תשובה:** איך נעם נישט קיין אחריות. מיר האָבן רבנים, איך מיש זיך נישט. אל איז די רבנים גדולים, וואָס זיי פסק'ענען.

**שאלה כז:** אָבער די רבנים פאַרלאָזן זיך דאָך נאָר אויף דיר?

**תשובה:** זיי ווייסן וואָס זיי טוען (זיי זענען געווען קלוג).

**שאלה כח** (מוסר): ווי קענסטו נעמען אויף זיך אַזאַ אחריות, דו ווייסט דאָך אַז רוב שוחטים זיינען מאכיל טריפות, ווי מען זעט דער דברי חיים סי' ו' (כ"ז), רנ"א רצה לפסול וכו', תולדות יע"י נשא, בעש"ט הק' זי"ע, וכו'.

**תשובה:** איך בין נישט מסכים אַז רוב אידן עסן נו"ט.

**שאלה כט:** וואָס הייסט 5.3 מיליאָן אידן פון דייטשלאַנד (ד"ח), 6.5 מיליאָן אידן פון היטלער ימ"ש (ע"י בעלז) דאָס מיינט 10 מיליאָן זענען אויסגעשטאָרבן דורך נו"ט, רמב"ם 70 טויזנט וכו'.

**תשובה:** די 6 מיליאָן האָט ר' יעקל'ע געזאָגט אַז דאָס קומט פון שנאת חנם!

